זיין שולבוך אידישע געשיכטע און אַ העברעאיש־יידישער ווערטער־בוך.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 1; א. ש. הערשבערג, פנקס ביאַליסטאָק, נ״י, 1949, ב. 2, ז״ז 348, 415.

## אינדעלמאַן, אלחנן

— (22 מאַי, 1913, — ) — געב. אין זשוראָמין, פוילן. דער פאָטער געווען חזן און שוחט. א׳ האָט געלערנט אין חדר, אין ישיבות, אויך וועלטלעכע לימודים. געענדיקט דעם מלוכה־סעמינאַר פאַר יידישע לערער אין וואַרשע. ביז דער מלחמה, אין 1939, געווען לערער אין וואַרשע, שפּעטער — אין רוסלאַנד. פאַרשיקט אין אַ לאַגער אין קאָמי. אין 1946 צוריקגעקומען קיין פוילן. שפּעטער עמיגרירט קיין שוועדן און פינלאַנד, געווען אַ לערער פון דער יידישער גימנאַזיע אין העלסינקי. פון 1947 אָן — אין אַמעריקע. לערער אין לערער־אינסטיטוט פון ישיבה־אוניווערסיטעט אין נ״י און גלייכצייטיק העברעאישער טעקסטן־שרייבער אין יידישן דערציאונגס־קאָמיטעט. זינט 1950 — דירעקטאָר פון דער העברעאישער מיטלשול אין קווינס, נ״י. אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג און געדרוקט אַ העברעאיש ליד אין ליובאַשיצקיס קינדער־זשורנאַל הכוכב, וואַרשע, 1925, וואָס איז געלויבט געוואָרן פון ח. נ. ביאַליק. געדרוקט לידער, דערציילונגען, עסייען און אַרטיקלען אין היינט, העפטן, דאָס קינד — וואַרשע; דאָס נייע לעבן, לאָדזש, צוקונפט, קינדער־זשורנאַל, קינדער־צייטונג — נ״י; פאַר אונזערע קינדער — פּאַריז; אין העברעאיש: העולם, בדרך, הדואר, גלים, גליונות א״אַ; אין פּויליש: נאַש פּשעגלאָנד, אָפּיניאַ, כווילאַ, פּלאַמיטשעק, מיעשענטשניק זשידאָווסקי א״אַ. אין ענגליש: וואָירלד אָוואָוער א״אַ. מחבר פון עטלעכע ביכער פּאָעזיע און פון ווערק וועגן פּעדאַגאָגיק, צ״אַ (אין העברעאיש) — אשירה לידידי, וואַרשע, 1939; ילדי מחברת (דערציילונגען פאַר קינדער וועגן וואַרש. געטאָ־אויפשטאַנד), נ״י, 1952. אַ ביאָגראַפישע דערציילונג, רבי ישראל סאַלאַנטער, נ״י, 1954; חג־לי שיר־לי (קינדער־לידער), נ״י, 1954; (אין יידיש) — דאָס ליד פון יידישן קוילנגרעבער, וואַרשע, 16 ז׳, מיט אילוסטראַציעס פון ח. גאָלאָמב. רעדאַקטירט: עולמי (פאַר יוגנט), וואַרשע, 1939-1936, עולמי הקטן (פאַר קינדער), וואַרשע, 1939-1936; די שול־אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור ליטעראַטוריאַ, וואַרשע, 1934, א״אַ. פּסעוודאָנימען: א. אלחנן, אלחנני, אחידוב, ח. אלין, בן־אמיתי און ה. רילסקי.

י. שטערן, היינט, 1938; מ. מיזיש, היינט, 1938; מ. שטאַרקמאַן, טאָג, נ״י, 1949; ד. פּערסקי, הדואר, נ״י, 1935; ח. אב. הורוויץ, פאָרווערטס, 1947.

## אינדעלמאַן, משה

— (11 מערץ, 1895, — ) — געב. אין זשוראָמין, פוילן. געלערנט אין חדר און אין בית־המדרש. שטודירט פילאָסאָפיע אין בערלין. 1916 געווען גימנאַזיע־לערער אין וואַרשע און אין פּלאָצק. טעטיקער ציוניסטישער מנהיג און מיטגליד פון דער „על המשמר" ־ גרופּע אין צ״ק פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי אין פוילן. אין 1940 געראַטעוועט זיך אין א״י, וואו ער איז טעטיק אין דער העברעאישער פּרעסע. פון 1925 ביז 1939 — מיטאַרבעטער, און אַ צייט מיטרעדאַקטאָר, פון וואַרשעווער היינט.

ד״ר ר. פעלדשוה, יידישער געז. לעקסיקאָן, וואַרשע, ז׳ 473.

## אינדריץ, משה־אליהו

— (25 יולי, 1890, — 26 יאַנ., 1945) — געב. אין אילוקסט, קורלאַנד. געלערנט אין חדר און ישיבות און דאָן אַן עקסטערן. 1914 געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז געווען אַ העברעאישער לערער. 1918 אַ מיטאַרבעטער פון טעגלעכן אידישען קוריער, שיקאַגאָ. געדרוקט דערציילונגען און סקיצן אין אַ ריי פּראָווינץ־צייטונגען אין אַמעריקע. אין 1933 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אינדריצעס יום טוב־שריפטן, „דערשיינט יעדן ערב יום טוב און חנוכה, אונטער דער רעדאַקציע פון מאָריס אינדריץ", לעצטע אויסגאַבע, 42 ז׳, טראָגט די דאַטע: פעב., 1945. אין בוכפאָרם: „אין די געצעלטען פון חב״ד, לעגענדעס וועגן דעם חסידישן רבין ר׳ שניאור זלמן מליאַדי, באַקאַנט אַלס דער בעל התניא, און אַנדערע חסידישע ערצעהלונגען", שיקאַגאָ, 1927, 252 ז׳ (הקדמה פון ד״ר אַ. מאַרגאָלין).

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 1; פּ. שוואַרץ, פאָרווערטס, נ״י, 14 נאָוו., 1945.

## אינזלער, אַברהם

— (11 פעב., 1893, — 1939) — געב. אין סטרי, מזרח־גאַליציע. פון דער יוגנט אָן — ציוניסטישער טוער. אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אין ווין און געהאָלפן ד״ר נתן בירנבוימען רעדאַקטירן מלחמה־קונטרסים. פון יאָר 1920 אָן — אין לעמבערג. 1922 דעפּוטאַט צום פּוילישן סיים. געדרוקט אין לעמבערגער מאָרגן. מחבר פון אַ בוך אויף פּויליש וועגן לעמבערגער פּאָגראָם אין 1918: „לעגענדי אי פאַקטי", לעמבערג, 1937.

ג. באַדער, מדינה וחכמיה, נ״י, 1934; ד״ר י. טענענבוים, גאַליציע, מיין אַלטע היים, ב. איירעס, 1952.

## אינפעלד, יהושע

— (1896 — 1943) — געב. אין לאָדזש ביי זייער אָרעמע עלטערן. געלערנט אין חדר און אין מיטלשול. לינקער פּ. צ. לעקטאָר איבער עקאָנאָמישע פּראָגעס, ווי אויך וועגן יידישער ליטעראַטור, אין דער לאָדזשער „אַרבעטער־היים". געאַרבעט ווי אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער און ווי אַ סעקרעטאַר פון ייד. פּראָפ. פאַראיינען. פון 1926 ביז 1939 געדרוקט אַרטיקלען און בילדלעך פון לאָדזשער פאַרשטאָט באַלוט אין לאָדזשער פאָלקס־בלאַט. אויך בילדלעך פון געריכט־זאַל אין נייעם פאָלקס־בלאַט, לאָדזש. פּסעוודאָנים: אַרגוס. געווען אין לאָדזשער געטאָ.